קובץ

# תוך הנחל

דיבורים נוראים ונפלאים שנאמרו
בשבת קודש פרשת יתרו תשמ"ב
[אויף אידיש]

מפ"ק כ"ק הרה"צ **מוהרא"ש** שליט"א

יוצא לאור חודש שבט תשע"א

# ליל שבת קודש פרשת יתרו ה'תשמ"ב

בליל שבת קודש בסעודה ראשונה דיבר מוהרא"ש נ"י דיבורים נוראים ונפלאים מאד, על פי דברי רביז"ל בליקוטי מוהר"ן בהקדמה לחלק ב' המדברת מהפסוק "אחד היה אברהם", עיין שם.

פתח ואמר מוהרא"ש נ"י, רביז"ל אומר, **כתיב (יחזקאל ל"ג) "אחד היה אברהם", שאברהם עבד השם רק על ידי שהיה אחד, שחשב בדעתו שהוא רק יחידי בעולם, ולא הסתכל כלל על בני העולם, שסרים מאחרי ה' ומונעים אותו, ולא על אביו ושאר המונעים, רק כאילו הוא אחד בעולם, וזהו: "אחד היה אברהם", וכן כל הרוצה ליכנס בעבודת השם, אי אפשר לו ליכנס כי אם על ידי בחינה זו, שיחשוב שאין בעולם כי אם הוא לבדו יחידי בעולם, ולא יסתכל על שום אדם המונעו, כגון אביו ואמו או חותנו ואשתו ובניו וכיוצא, או המניעות שיש משאר בני העולם, המלעיגים ומסיתים ומונעים מעבודתו יתברך, וצריך שלא יחוש ויסתכל עליהם כלל, רק יהיה בבחינת: "אחד היה אברהם" - כאלו הוא יחיד בעולם כנ"ל**, זה לשון רביז"ל.

והסביר מוהרא"ש נ"י, אז כדי א מענטש זאל זוכה זיין צו דינען דער באשעפער אזוי ווי עס ברויך צו זיין, מוז ער זיך איינגאצן פאראיינציגן צום אייבישטער, און טראכט ביי זיך אז ער איז איין איינציגער אויף די וועלט, און דינען גאט ברוך הוא ממש מיט מסירות נפש [איבערגעגעבנקייט], און אפילו אז מענטשן פון די וועלט וועלן איהם גארנישט פארשטיין, ווייל זיי האבן איהם נישט ארוים, אז אלע זיינע בענק נשאפן זענען נאר צו דינען דער אאיבישטער, אבער וואס האט ער מיט די וועלט'ם לייט – עס איז מער נישט דא אויף דער וועלט נאר דער בורא כל עולמים אליין, און די גאנצע תכלית פון זיין באשאפן ווערן איז נאר צו דערקענען השי"ת, און אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (בא מ"ב:) בגין דישתמודעין ליה. דערפאר זאגן חז"ל (סנהדרין ל"ז.) חייב כל אדם לומר בשבילי נברא העולם, ווייל די וועלט איז טאקע באשאפן געווארן צוליב איהם, ער זאל קענען דערגרייכן זיין אייביגע תכלית, און אלע וועלט'ם לייט באמיהען זיך פאר איהם, און עס איז אין דעם נישט דא קיין ברעקאלע גאוה, פארקערט דאס איז די גרעסטע ענוה, ווייל ער קוקט אויף קיינער נישט, און ער וויל גארנישט געוועלטיגן אויף זיי, נאר זיין גאנצע ציהל איז נאר דערקענען דער אייבישטער און נכלל ווערן אין איהם, און דאס איז געווען די מדרגה פון אברהם אבינו וואס ער איז געווען ראש למאמינים, און ער האט פארשטאנען אז מען קען נישט מצליח זיין אין זיין עבודה, נאר דורעם דעם אז ער זאל טראכטן אז ער איז איין יחיד אויף די וועלט, א בחינה פון (יחזקאל ל"ג) **"אחד"** היה אברהם, ווייל עס זענען געווען אסאך עובדי עבודה זרה אין זיינע צייטן, ביי זיין טאטענ'ס הויז און אלע זיינע באקאנטע, און ער האט געמוזט טראכטן אז ער איז אליין אויף די וועלט, און זיין תכלית איז דערקענען דער אייבישטער, און איהם לאזן וויסן די אלע מענטשן פון די וועלט, און דעמאלם זיין **"אחד"** ווערט נכלל אין זי איינציגקייט פון דער גאט ברוך הוא,

breslevcity.co.il

און דאס איז די עיקר אמונה, שמע ישראל הוי"ה אלהינו הוי"ה **"אחד"**, וואס דורך דעם וואס א מענטש דינט דער אייבישטער אינעם בחינה פון אחד, ווערט ער דערהויבן און ער ווערט נכלל אין די איינציגקייט פון דער אייבישטער, און ער ווערט איינס מיט איהם אליין, כביכול, א בחינה פון "והוא אחד ואין שני", ווייל זיין גאנצע כוונה איז דבקות אינעם אייבישטער, אשרי לו ואשרי חלקו.

וקישר מוהרא"ש נ"י את הענין הנ"ל לפרשת השבוע בקשר נורא ונפלא מאד, כי הנה מצינו בפרשת השבוע, אז אויך משה רבינו האט געטוהן די עבודה פון **"אחד"**, און ער האט גארנישט געקוקט אויף דעם וואס מענטשן האבן איהם דערוויטערט, און זיי האבן איהם פארטריבן פון ווי ער האט געוואוינט, און ער איז געווען עלענט פון ליינט, ווייל ער האט געדארף אנטלויפן פון מצרים און פון זיין טאטענ'ס הויז, און טרעפן זיין זווג אין א ווייטע פלאץ - מדין, און אזוי ווי ער האט גערופן זיין ערשטע קינד גרשום נאך די מאורע (שמות יח): **כי אמר גר הייתי בארץ נכריה**, און אויך דארטן האט ער זיך געטראפן צווישן עובדי עבודה זרה, און אזוי ווי חכמינו הקדושים זאגן (מכילתא פרק יח) **גר הייתי בארץ נכריה**, נכר - יה, האט משה געזאגט: וויבאלד אז די גאנצע וועלט זענען עובדי עבודה זרה, וועל איך דינען צו "מי שאמר והיה העולם", און אויך האט ער גערופן 'גרשום' נאך דעם וואס מען האט איהם פארטריבן (עיין בפירוש "אור החיים" הקדוש פסוק זה), און ער האט אין אנפאנג געהאט גרויסע יסורים דערפון, ווייל ער האט געדארף שווערן צו יתרו אז ער וועט אוועקגעבן זיין זוהן צו עבודה זרה, און אזוי ווי עס שטייט אין מכילתא (שם) אז בשעת ווען משה האט געזאגט צו יתרו, גיב מיר דיין טאכטער צפורה צו א פרוי, האט איהם יתרו געזאגט, נעם זיך אונטער די זאך וואס איך וועל דיך זאגן, און איך וועל דיך איהר געבן צו א פרוי, האט ער אונז געזאגט: וואס איז דעם, האט ער איהם געזאגט: אז די ערשטע זוהן דיינע וועט זיין צו עבודה זרה, און די אנדערע קינדער צו דער איבישטער, און ער האט זיך אונטער גענומען אויף זיך, האט ער איהם געזאגט: שווער מיר, און ער איז איהם געשבוירן וכו', עד ביז צפורה האט איהם מוחל געווען אויפן תנאי, עיין שם (ובפירוש בעל הטורים), זעהט מען פון דעם אז משה רבינו האט געדינט השי"ת מיט די בחינה פון "אחד", וואס ער האט נישט געקוקט אויף שיין טאטע, און אויף זיין שווער, און אויף זיין זוהן וכו', נאר כאילו ער איז אליין אויף די וועלט, און ער מוז דינען און דערקענען דער 'מי שאמר והיה העולם', און דורך דעם וואס ער האט געדינט השי"ת נאר די בחינה פון "אחד", האט ער זוכה געווען אראפצונעמען די תורה צו נשמות ישראל, און זיי אויסלערנען אלוקותו ואחדותו יתברך.

וזהו מה שמצינו בפרשת השבוע, אז די עשרת הדברות זענען געזאגט געווארן אין לשון יחיד, אזוי ווי עס שטייט (שמות יט) **אנכי הוי"ה אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים וגו'**, און די מפרשים האבן זיך שוין געשטעלט אויף דעם, פארוואס זענען די דברות געזאגט געווארן אין דעם לשון, און די הרמב"ן הקדוש טייטשט (פסוק ב') אז ער איז געקומען אנווארענען אז יעדער יחיד פון זיי

breslevcity.co.il

וועט געשטראפט ווערן אויף די מצוות, ווייל פאר יעדער יחיד וועט ער רעדן, און פאר יעדער יחיד וועט ער פארבאטן, און מען זאל נישט טראכטן אז ער וועט גיין נאכן רוב, און דער יחיד וועט געראטעוועט ווערן מיט זיי וכו׳" עיין שם, און דאס איז לויט דעם רבינ׳ס דיבורים, אז יעדער מענטש דארף דינען השם יתברך כאילו ער איז אן חיד אויף די וועלט, און ער זאל גארנישט קוקן אויף אנדערע, נאר ער דארף וויסן, אז די גאנצע תורה הקדושה – איז געגעבן געווארן פאר איהם אליין, און ער איז מחויב פאר אלע, דעמאלם וועט ער זייער מצליח זיין.

און אויך רש"י הקדוש (שמות יט פסוק ב׳) זאגט א טעם פארוואס זענען די דברות געזאגט געווארן אויף לשון יחיד, כדי צו געבען א פתחון פה [א אויפנע מויל] צו משה רבינו מלמד זכות זיין אויף יודן אין מעשה העגל, וואס ער האט געזאגט צו השי"ת, נישט פאר זיי האסטו פארבאטן, לא יהיה "לכם" אלהים אחרים, נאר פאר מיר אליין, עיין שם.

און די טעם שטומט אויך זייער גוט מיט די רבינ׳ס ווערטער, ווייל דער צדיק האמת קריגט זיין כח מלמד זכות צו זיין אויף נשמות ישראל, דווקא דורך דעם אז ער דינט השי"ת מיט די בחינה פון אחד, און ער איז אינגאנצן בטל צו דער אייבישטער, און ער ווייל גארנישט הערשן אויף אנדערע, ער וויל נאר זעהן די טובה פון אלעמען, און אזוי ווי דער רבי ז"ל זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א׳ סי׳ עט), אז דורך דעם וואס משה רבינו האט אנערקענט אין זיין אייגענע שפלות דורך דעם האט ער געקענט זעהן די חשיבות פון יודן, און ער האט געקענט זיך מוסר נפש זיין פאר זיי, עיין שם, דעריבער דווקא דורך דעם וואס משה רבינו האט דעדינט השי"ת אינעם בחינה פון אחד, און מרוב ענוה האט ער געוווסט, אז אלע דברות זענען געזאגט געארן פאר איהם אליין, דרך דעם האט ער געקענט מלמד זכות זיין איף דער ערגסטער יוד, אן איהם צו ראטעווען פון אלעם שלעכטס.

וזהו סוף פרשת השבוע (שמות כ׳) **ולא תעלה במעלת על מזבחי אשר לא תגלה ערותך עליו**, אז דער פסוק ווארענט יעדער אויף די מידה פון שפלות, ער זאל נישט ארויפגיין אויף דרגות וואס פאסן נישט פאר איהם, און ער זאל זיך נישט ליבן ווען ער דינט השי"ת, כאילו ער איז גרעסער און וויכטיגער פון איין איינדערער, כדי **שלא-תגלה ערותך עליו**, זאל נישט אנטפעקט ווערן זיין שאנדע פאר אלע, ווייל די סוף פון דער וואס שטאצילט זיך אויף דער אנדערע, אז אלע זעהן אז ער איז טאקע גארנישט. דערפאר דער עיקר עבודה איז נאר אין א בחינה פון אחד, נכלל ווערן אין אחדותו יתברך אליין, און ער זאל גארנישט קוקן אויף אנדערע, ומכל שכן ער זאל נישט ווערן זיך דערהייבן אויף זיי, דעמאלם וועט ער פארזיכערט ווערן אין זיין לעבנ׳ס וועג, און א וואו ער וועט דיין וועט ער מצליח זיין, זאל השם יתברך אונז מזכה זיין איהם צו דינען באמת ובתמים אונזערע גאנצע לעבנביז מיר וועלן זוכה זיין זיך דערהייבן און נכלל צו ווערן אין השם יתברך לגמרי מעתה ועד עולם אמן ואמן.

breslevcity.co.il